דע שעל ידי למוד הזהר נעשה חשק לכל מיני למודים של התורה הקדושה

בעזרת השם יתברך

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזִית אִישׁ

פרשת וישלח

כד

וְהַמַּשְׂכִּילִים יַזְהִירוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזִיתָ אִישׁ

א הערליכע לייכטע פירוש
איפ׳ן הייליגן זהר
מיט די הקדמות פונעם הייליגן רבי׳ן
**געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א**

# ◆ הַקְדָמָה ◆

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כט): "חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ" וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלִינְק אִין זַיין אַרְבֶּעט, זָאלְסְטוּ וִויסְן - "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" עֶר וֶועט צוּם סוֹף שְׁטֵיין פַאר קֶענִיגְן, זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): "אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים" דָאס מֵיינְט מֶען דִי צַדִּיקִים, "שֶׁהֵם עוֹסְקִין בִּמְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" וָואס זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס גֶעפִינֶען מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף: "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֶען מִיטְ'ן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "בַּל יִתְיַצֵּב לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים".

וְוִיבַּאלְד מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן וִוי מוֹהֲרָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מִשְׁתּוֹקֵק עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר וָואס אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, הָאבְּן מִיר בְּסִיַּיעְתָּא דִּשְׁמַיָּא גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס אֲפִילוּ פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר אֵיידֶער מֶען אִיז פֶערְצִיג יָאר אַלְט - קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערְן, אָבֶער מוֹהֲרָ"א פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן; מוֹהֲרָ"א הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר, מְשׁוּגָע וֶוערְט מֶען אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר: "חָזִיתָ אִישׁ". מִיר גֶעפִינֶען כִּמְעַט פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' - קוּם אוּן זֶע; עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים, אִין גְמָרָא אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן 'תָּא שְׁמַע' קוּם אוּן הֶער, אָבֶער אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז דֶער לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' קוּם אוּן זֶע, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר זוֹהַר עֶפְנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן זַאךְ. "חָזִיתָ" אִיז מִלָּשׁוֹן "תָּא חֲזֵי", אוּן אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ אִיז מְרוּמָז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן

מִיר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זֶען אִין יֶעדְע זַאךְ רוּחְנִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִ'ש דִי נָאמֶען פוּן מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב, רֶבִּי יְ'חֶזְקֵאל רוֹטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אִין מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַלְס קִינְד בְּחַבְרוּתָא פַאר לַאנְגֶע יָארְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן גַאנְצֶע וָואכְן אִין מְעָרַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִין מִירוֹן מִיט אִים, און בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל טַעַם, אַ שְׁטִיקְל גֶעפִיל - צוּ דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִ'ש מַיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פְּשַׁט אִינֶעם שַׁעַר הַזוֹהַר: "זֶה סֵפֶר הַזוֹהַר אֲשֶׁר חִבֵּר הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֶה סֵפֶר", דֶער דִיאַמַאנְט, "הַזוֹהַר", וָואס שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן, "אֲשֶׁר חִבֵּר", עֶס בַּאהֶעפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "תַּנָּא", עֶס לֶערְנְט אוּנְז אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער "רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ".

בָּרוּךְ יְ' לְ'עוֹלָם אָ'מֵן וְ'אָמֵן.

• • •

# א תְּפִלָּה
## פאַרן לערנען זהר

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָּלוּת - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין אֵייגֶענֶע גָּלוּת; אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן און אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן. און בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - זָאל מִיר לִיכְטִיג וֶוערְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, און קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר:

פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, דַּף קעא ע"ב

**וְהוּא עָבַר לִפְנֵיהֶם וַיִּשְׁתַּחוּ אַרְצָה שֶׁבַע פְּעָמִים עַד גִּשְׁתּוֹ עַד אָחִיו. רַבִּי אֶלְעָזָר פָּתַח וְאָמַר** (שְׁמוֹת לה) **כִּי לֹא תִשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל אַחֵר כִּי יְיָ קַנָּא שְׁמוֹ. וְכִי יַעֲקֹב דְּאִיהוּ שְׁלֵימָא דַּאֲבָהָן דְּאִתְבְּרִיר חוּלָקָא שְׁלֵימָתָא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְאִיהוּ אִתְקְרִיב לְגַבֵּיהּ יַתִּיר, הֵיךְ סָגִיד לֵיהּ לְהַהוּא רָשָׁע דְּעֵשָׂו דְּאִיהוּ בְּסִטְרָא דְּאֵל אַחֵר, וּמַאן דְּסָגִיד לֵיהּ סָגִיד לְאֵל אַחֵר. אִי תֵימָא**

חָזִית אִישׁ

### מֶעג מֶען זִיךְ בּוּקְן צוּ עֵשָׂו?

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט בַּאגֶעגְנְט עֵשָׂו, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לג, ג): '**וְהוּא עָבַר לִפְנֵיהֶם**' אוּן יַעֲקֹב אִיז גֶעגַאנְגֶען פַאר זֵיי, '**וַיִּשְׁתַּחוּ אַרְצָה שֶׁבַע פְּעָמִים**' אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעבִּיקְט בִּיז צוּ דֶער עֶרְד זִיבְּן מָאל, '**עַד גִּשְׁתּוֹ עַד אָחִיו**' בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט בִּיז צוּ זַיין בְּרוּדֶער.

**רַבִּי אֶלְעָזָר פָּתַח וְאָמַר** רֶבִּי אֶלְעָזָר הָאט גֶעעֶפְנְט אוּן גֶעזָאגְט, מִיר גֶעפִינֶען אַלְץ אִין זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'פָּתַח וְאָמַר', וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה - הָאבְּן זֵיי גֶעעֶפְנְט דִי הִימְלֶען, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, **עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק** (שְׁמוֹת לד, יד): '**כִּי לֹא תִשְׁתַּחֲוֶה**' וַוייל דוּ טָארְסְט זִיךְ נִישְׁט בּוּקְן, '**לְאֵל אַחֵר**' צוּ אַן אָפְּגָאט, '**כִּי ה' קַנָּא שְׁמוֹ**' וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז קַנָּא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מְוַותֵּר פַאר דִי וָואס זִינְדִיגְן; פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: **וְכִי יַעֲקֹב דְּאִיהוּ שְׁלֵימָא דַּאֲבָהָן** ווי קֶען זַיין אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ וָואס אִיז דֶער אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶער פוּן דִי אָבוֹת, **דְּאִתְבְּרִיר חוּלָקָא שְׁלֵימָתָא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** דֶער אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְאִיהוּ אִתְקְרִיב לְגַבֵּיהּ יַתִּיר** אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מֶער פוּן אַלֶע אָבוֹת צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה - **הֵיךְ סָגִיד לֵיהּ לְהַהוּא רָשָׁע דְּעֵשָׂו** ווי קֶען זַיין אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעבּוּקְט צוּ עֵשָׂו? **דְּאִיהוּ בְּסִטְרָא דְּאֵל אַחֵר** וָואס עֵשָׂו אִיז דִי טוּמְאָה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, **וּמַאן דְּסָגִיד לֵיהּ** אוּן וֶוער עֶס בּוּקְט זִיךְ צוּ עֵשָׂו - **סָגִיד לְאֵל אַחֵר** אִיז אַזוֹי ווי עֶר בּוּקְט זִיךְ צוּ אַן אָפְּגָאט; ווי קֶען זַיין אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ זָאל זִיךְ הָאבְּן גֶעבּוּקְט צוּ אִים?! **אִי תֵימָא**

**בְּגִין דְּאָמְרוּ תַּעֲלָא בְּעִדָּנֵיהּ סָגִיד לֵיהּ, לָאו הָכִי. דְּהָא עֵשָׂו כְּאֵל אַחֵר הֲוָה, וְיַעֲקֹב לָא יִסְגּוֹד לְהַהוּא סִטְרָא וּלְהַהוּא חוּלָקָא כְּלַל. אֶלָּא כְּתִיב, (שְׁמוּאֵל א כה) וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי וְאַתָּה שָׁלוֹם וּבֵיתְךָ שָׁלוֹם וְכָל אֲשֶׁר לְךָ שָׁלוֹם. וְהָא אִתְּמַר דְּאָסִיר לְאַקְדּוּמֵי לְהוּ שְׁלָם לְרַשִּׁיעַיָּא, וְכֵיוָן דְּאָסִיר הֵיכִי אַשְׁכַּחְנָא דְּדָוִד אָמַר**

חָזִית אִישׁ

בְּגִין דְּאָמְרוּ אוֹיבּ וֶועסְטוּ וֶועלְן עֶנְטְפֶערְן, אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָה טז:): 'תַּעֲלָא בְּעִדָּנֵיהּ סָגִיד לֵיהּ' אִין דִי צַייט וָואס דֶער פוּקְס אִיז אַ קֶענִיג דַארְף זִיךְ אוֹיךְ דֶער לֵייבּ בּוּקְן צוּ אִים, אוּן אַז עֵשָׂו הָאט יֶעצְט דִי מַאכְט דַארְף מֶען זִיךְ צוּ אִים בּוּקְן; לָאו הָכִי דָא אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, דְּהָא עֵשָׂו כְּאֵל אַחֵר הֲוָה ווייל עֵשָׂו אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי עֲבוֹדָה זָרָה, וְיַעֲקֹב לָא יִסְגּוֹד אוּן יַעֲקֹב בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט לְהַהוּא סִטְרָא צוּ יֶענֶע זַייט, וּלְהַהוּא חוּלָקָא כְּלַל אוּן צוּ יֶענֶעם חֵלֶק, אִיז וִוי קֶען זַיין אַז יַעֲקֹב זָאל זִיךְ בּוּקְן צוּ עֵשָׂו?

### דִי צַדִיקִים טוּן אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

**אֶלָּא** נָאר וָואס דֶען, **כְּתִיב** עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחִים צוּ נָבָל, אוּן דָוִד הָאט זֵיי גֶעזָאגְט (שְׁמוּאֵל א כה, ו) 'וַאֲמַרְתֶּם' עֶנְק זָאלְן אִים זָאגְן: 'כֹּה לֶחָי' אַזוֹי זָאל זַיין אוֹיף אִיבֶּער אַ יָאר, דַיין מַזָל זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, 'וְאַתָּה שָׁלוֹם' פְרִידְן זָאל זַיין פַאר דִיר, 'וּבֵיתְךָ שָׁלוֹם' פְּרִידְן זָאל זַיין פַאר דַיין הוֹיזְגֶעזִוּנְד, 'וְכָל אֲשֶׁר לְךָ שָׁלוֹם' אוּן פְרִידְן זָאל זַיין פַאר אַלֶעס וָואס גֶעהֶערְט צוּ דִיר; שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי פְרַאגֶע, **וְהָא אִתְּמַר** מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעלֶערְנְט 'דְּאָסִיר לְאַקְדּוּמֵי לְהוּ שְׁלָם לְרַשִּׁיעַיָּא' מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט רְשָׁעִים, אוּן מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט בַּאגְרִיסְן מִיט דִי וָוארְט 'שָׁלוֹם' וָואס דָאס אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען, **וְכֵיוָן דְּאָסִיר** אוֹיבּ אַזוֹי, אַז עֶס אִיז אַן עֲבֵירָה צוּ בַּאגְרִיסְן אַ רָשָׁע, **הֵיכִי אַשְׁכַּחְנָא דְּדָוִד** וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ, **אָמַר** אַז עֶר זָאל זָאגְן, הַאי קְרָא דִי פָּסוּק פוּן 'אַתָּה שָׁלוֹם' וְגוֹ' לְנָבָל פַאר דֶעם רָשָׁע נָבָל? **אֶלָּא** נָאר וָואס דֶען, **הָא אוּקְמוּהָ** דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, דָוִד הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ בַּאגְרִיסְן 'נָבָל', **דִּלְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא קָאֲמַר דָּוִד** הַמֶּלֶךְ הָאט דָאס גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיטְן זָאגְן 'וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי' הָאט עֶר גֶעמֵיינְט דֶעם חַי הָעוֹלָמִים,

**הַאי קְרָא לְנָבָל, אֶלָּא הָא אוֹקְמוּהָ (שמות כג ב) דִּלְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא קָאֲמַר, בְּגִין לְקָשְׁרָא לֵיהּ לְחַי. וְחָשִׁיב נָבָל דְּעֲלֵיהּ קָאֲמַר.**

**כְּגַוְונָא דָא (בְּרֵאשִׁית יב) וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה, וְכִי לְגַבֵּי דִבְרֵיהּ סְגִיד. אֶלָּא לְאַתְרֵיהּ דִּשְׁכִינְתָּא קָא כָּרַע וְסָגִיד, אוּף הָכָא, וְהוּא עָבַר לִפְנֵיהֶם. מַאי וְהוּא, דָּא שְׁכִינְתָּא עִלָּאָה דַּהֲוָה אָזְלָא קַמֵּיהּ,**

חָזִית אִישׁ

**בְּגִין לְקָשְׁרָא לֵיהּ לְחַי** זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּ דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'חַי', **וְחָשִׁיב נָבָל** אוּן 'נָבָל' הָאט גֶעמֵיינְט **דְּעֲלֵיהּ קָאֲמַר** אַז עֶר רֶעדְט צוּ אִים.

דִי צַדִּיקִים זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס זֵיי טוּעֶן אִיז פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זֵיי רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן - רֶעדְן זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח): 'דֶּרֶךְ הַצַּדִּיק בְּדַבְּרוֹ עִם אֲנָשִׁים', דֶער צַדִּיק וֶוען עֶר רֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן, רֶעדְט עֶר אוֹיף אַ וֶועג עֶס זָאל אוֹיסְזֶען וִוי עֶר רֶעדְט צוּם מֶענְטְשׁ, 'עִיקָּר תּוֹכֶן דָּבָר שֶׁמְּכַוֵּין בְּאוֹתָן הַדִּבּוּרִים שֶׁיִּהְיוּ תְּפִלָּה וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ', אָבֶּער בֶּאֱמֶת רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## יַעֲקֹב הָאט זִיךְ גֶעבּוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**כְּגַוְונָא דָא** אַזוֹי אוֹיךְ אִיז שְׁוֶוער דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מז, לא): **'וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל'** אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ גֶעבּוּקְט, **'עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה'** צוּ קָאפְּנְס פוּן זַיין בֶּעט; **וְכִי לְגַבֵּי דִבְרֵיהּ סְגִיד** קֶען דֶען זַיין אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ זָאל זִיךְ בּוּקְן צוּ זַיין זוּן? **אֶלָּא** נָאר וָואס דֶען, **לְאַתְרֵיהּ דִּשְׁכִינְתָּא** צוּ דִי פְּלַאץ ווּאוּ דִי שְׁכִינָה רוּט, **קָא כָּרַע** הָאט עֶר גֶעקְנִיט **וְסָגִיד** אוּן זִיךְ גֶעבּוּקְט, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת יב:) דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי דִי קָאפּ פוּנֶעם חוֹלֶה; יַעֲקֹב הָאט זִיךְ גֶעבּוּקְט צוּ דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעבּוּקְט צוּ יוֹסֵף, דֶער צַדִּיק טוּט אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר גֵייט אוּן עֶר קוּמְט אוּן טוּט סְתָּם זַאכְן - אִיז אָבֶּער אַלֶעס נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע רִיר, יֶעדֶע בֵּייג - אִיז נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. **אוּף הָכָא** אַזוֹי אוֹיךְ דָא, וָואס דִי פָּסוּק זָאגְט: **'וְהוּא עָבַר לִפְנֵיהֶם'** אוּן עֶר אִיז אַרִיבֶּער פַאר זֵיי, **מַאי 'וְהוּא'** פוּן וֶועם רֶעדְט מֶען דָא? **דָּא שְׁכִינְתָּא עִלָּאָה** דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה הָעֶלְיוֹנָה, **דַּהֲוָה אָזְלָא קַמֵּיהּ** וָואס הָאט

**וְדָא הוּא נְטִירוּ עִלָּאָה. כֵּיוָן דְּחָמָא יַעֲקֹב, אָמַר, הָא עִידָן לְסָגְדָא לְגַבֵּיהּ דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְּהֲוָה אָזִיל קַמֵּיהּ.**

**כָּרַע וְסָגִיד שֶׁבַע זִמְנִין עַד גִּשְׁתּוֹ עַד אָחִיו, וְלָא כְּתִיב וַיִּשְׁתַּחוּ לְעֵשָׂו. אֶלָּא כֵּיוָן דְּחָמָא דְּהָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָזַל קַמֵּיהּ,**

חָזִית אִישׁ

בַּאגְלֵייט יַעֲקֹב אָבִינוּ, **וְדָא הוּא נְטִירוּ עִלָּאָה** דִּי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט אוּן אָפְּגֶעהִיטְן. **כֵּיוָן דְּחָמָא יַעֲקֹב** אוּן וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶען דִּי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, **אָמַר** הָאט עֶר גֶעזָאגְט: **הָא עִידָן לְסָגְדָא לְגַבֵּיהּ דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** יֶעצְט אִיז דִּי צַייט זִיךְ צוּ בּוּקְן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **דְּהֲוָה אָזִיל קַמֵּיהּ** וָואס גֵייט פַאר מִיר, **כָּרַע וְסָגִיד שֶׁבַע זִמְנִין** עֶר הָאט גֶעקְנִיט אוּן זִיךְ גֶעבּוּקְט זִיבְּן מָאל, **'עַד גִּשְׁתּוֹ עַד אָחִיו'** בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְנֶעעֶנְטֶערְט בִּיז צוּ זַיין בְּרוּדֶער, **וְלָא כְּתִיב** עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט **וַיִּשְׁתַּחוּ לְעֵשָׂו** עֶר הָאט זִיךְ גֶעבּוּקְט פַּאר עֵשָׂו, **אֶלָּא** נָאר, **כֵּיוָן דְּחָמָא** וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען, **דְּהָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָזַל קַמֵּיהּ** וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט פַּאר אִים, **כְּדֵין סָגִיד לְקֳבְלֵיהּ** הָאט עֶר זִיךְ גֶעבּוּקְט פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **בְּגִין** פוּן וֶועגְן, **דְּלָא לְמֵיהַב יְקָר** נִישְׁט צוּ גֶעבְּן קֵיין כָּבוֹד, **לְמִסְגַּד** זִיךְ צוּ בּוּקְן **לְאָחֳרָא** פַּאר אַ צְוֵוייטְן, **בַּר מִנֵּיהּ** אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְכֹלָּא אִיהוּ כִּדְקָא יָאוּת** אוּן אַלֶעס אִיז אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דִּי צַדִּיקִים זֶענֶען דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי טוּעֶן אִיז נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אִין דִּי יוּנְגֶע יָארְן נָאר צוּ בֶּעטְן טוֹבוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ דַארְפְן בֶּעטְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַ גֶעווִיסֶע טוֹבָה - הָאט עֶר עֶרְשְׁט גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער' אוּן נָאכְדֶעם הוֹיךְ גֶעזָאגְט: 'אִיךְ דַארְף

**כְּדֵין סָגִיד לְקַבְלֵיהּ. בְּגִין דְּלָא לְמֵיהַב יְקָר לְמִסְגַּד לְאָחֳרָא בַּר מִנֵּיהּ, וְכֹלָּא אִיהוּ כִּדְקָא יָאוּת. זַכָּאִין אִינוּן צַדִּיקַיָּיא דְּכָל עוֹבָדֵיהוֹן דְּקָא עָבְדֵי בְּגִין יְקָרָא דְמָארֵיהוֹן אִיהוּ, וּבְגִין דְּלָא יִסְטוּן לִימִינָא וְלִשְׂמָאלָא:**

## חָזִית אִ֫יש

דִי און דִי זַאךְ'; דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר רֶעדְט צוּ אִים אָבֶּער אִין אֱמֶת'ן הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַן עֶסְן גֶעשֶׁעפְט און עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת אַ פְלֶעשְׁל מִילְךְ און עֶר הָאט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן שְׁטִילֶערְהֵייט 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער', עֶר הָאט גֶעזָאגְט הוֹיךְ: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף אַ פְלֶעשְׁל מִילְךְ', און דֶער בַּעַל הַבַּיִת פְרֶעגְט אִים: 'וָואס? וָואס הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער?!' און מוֹהֲרָא"ש אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן גֶעשֶׁעפְט.

**זַכָּאִין אִינוּן צַדִּיקַיָּיא** וואוּיל אִיז פַאר דִי צַדִּיקִים, **דְּכָל עוֹבָדֵיהוֹן דְּקָא עָבְדֵי** אַז אַלֶעס וָואס זֵיי טוּעֶן, **בְּגִין יְקָרָא דְמָארֵיהוֹן אִיהוּ** טוּעֶן זֵיי נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, **וּבְגִין דְּלָא יִסְטוּן לִימִינָא וְלִשְׂמָאלָא** און זֵיי בֵּייגְן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֵיין רִיר, נִישְׁט אוֹיף רֶעכְטְס און נִישְׁט אוֹיף לִינְקְס, זֵייעֶר גַאנְצֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה אִיז דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּדְבֵקוּת נוֹרָאָה וְנִפְלָאָה.

◆ ◆ ◆

אִין דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר זֶעעֶן מִיר אַ גְרוֹיסְן סוֹד, מִיר זֶעעֶן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, וִוי זֵיי לֶעבְּן מִיט אַזַא דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען זֵיי רֶעדְן, וֶוען זֵיי גֵייעֶן, וֶוען זֵיי בֵּייגְן זִיךְ - אִיז דָאס נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז בַּאהַאלְטְן, מֶען זֶעט עֶס נִישְׁט אָן; וואוֹיל אִיז זֵיי און וואוֹיל אִיז זֵייעֶר חֵלֶק.